**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/04/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 78 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין פיר אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט טרו-וועי אין הויפטשטאט ראיאן און צענטראל ניו יארק

***פראיעקטן רעכנענע אריין אויספלאסטערונג פארבעסערונגען אויף טיילן פון I-90 און I-87 צו פארשטערקערן זיכערהייט און פארלעסליכקייט***

***פראיעקטן זענען טייל פון מער פון 600 מיליאן דאלאר אין טרו-וועי אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן באשטימט צו באקומען פינאנצירונג אין 2026***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז א 78 מיליאן דאלארדיגע סך הכל אינוועסטירונג אין פיר אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אויף די טרו-וועי איז אונטערוועגנס אין דעם הויפטשטאט ראיאן, צענטראל ניו יארק און אין דעם פינגער לעיקס ראיאן. די פראיעקטן רעכנענען אריין אויספלאסטערונג פאררעכטונגען און זיכערהייט פארשטערקערונגען אויף עטליכע טיילן פון די I-90 און I-87 וועלכע טויזנטע דרייווערס נוצן יעדן טאג.

"די טרו-וועי סיסטעם איז א קריטישע פארבינדונג שאסיי פאר טעגליכע רייזנדע, טוריזם און קאמערציעלע טראפיק וואס פארן אריבער ניו יארק סטעיט און ווייטער", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דאס מאכן יסודות'דיגע מאדערניזירונגען צו אונזערע שאסייען און בריקן מאדערניזירט אונזער טראנספארטאציע סיסטעם, פארבעסערט רייזעס פאר דרייווערס און האלט ניו יארק'ס עקאנאמיע בליהענדיג."

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Frank G. Hoare (פרענק ג. האור), האט געזאגט,** "די טרו-וועי אויטאריטעט מאכט היסטארישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע וועלן פארשטערקערן זיכערהייט און פארלעסליכקייט פאר מיליאנען פון דרייווערס וועלכע פארן אויף די טרו-וועי יעדן טאג. דרייווערס אויף די טרו-וועי צאלן פון די נידעריגסטע טאלס אין דאס לאנד, און די טאל איינקונפטן גייען דירעקט פאר פראיעקטן וועלכע האלטן אויפן די טרו-וועי אלס איינס פון די זיכערסטע, אפאָרדעבעל און פארלעסליכע 'סופּער-הייוועיס' אין דאס לאנד."

**סטעיט סענאטארשע Patricia Fahy (פּעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "געשעדיגטע שאסייען, לעכער אין די שאסיי און שאסיי-פארבינדענע פאררעכטונגען פאר אייער קאר קען אפקאסטן פאר ארבעטנדע פאמיליעס הונדערטע, אויב נישט טויזנטע דאלארן — וואס פילע האבן פשוט נישט אזוי ווי זיי שוויצן דורך די ערגסטע אפארדעביליטי קריזיס זינט 2008. אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען פון די סארט שפארן איין געלט פאר פאמיליעס און דרייווערס בשעת'ן זיכער מאכן אז אונזערע שאסייען זענען זיכער פאר יעדן איינעם צו נוצן. א דאנק פאר די טרו-וועי ארבייטער וועלכע וועלן זיך געפונען אינדרויסן אויף אונזערע שאסייען יעדן טאג אויספירנדיג די פארבעסערונגען."

**אסעמבלי מיטגליד William Magnarelli (וויליאם מאגנארעלי) האט געזאגט,** "דאס אינוועסטירן אין אויספלאסטערונג אויפרעכטונג פראיעקטן מאכט זיכער אז די ניו יארק סטעיט טרו-וועי בלייבט זיכער פאר אלע באניצער. שאסייען און אינפראסטרוקטור וועלכע זענען פארוואלטעט און פארשטערקערט העלפן מוטיגן איבערן סטעיט האנדל און רייזע. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פאר די אינוועסטירונגען, וועלכע וועלן פארבעסערן די אלגעמיינע רייזע ערפארונג פאר מיליאנען פון דרייווערס."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער), RPh, האט געזאגט,** "אינוועסטירונג אין אונזער אינפראסטרוקטור איז אן אנגייענדע אונטערנעמונג, און עס איז מיר א פארגעניגן צו זעהן די אנגייענדע אינוועסטירונגען אין דעם הויפטשטאט ראיאן. די לעגיסלאטור איז אריין אין א שותפות מיט גאווערנער Hochul (האקול) צו פארמערן פינאנצירונג צו פארבעסערן די אומשטענדן און זיכערהייט פון אונזערע וויכטיגע טראנספארטאציע רוטס אריבער אונזער סטעיט אזוי ווי מיר לעבן אין אונזער מער און מער באוועגליכע געזעלשאפט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער ביים אהערשטעלן אפילו מער געלטער אין די סטעיט בודזשעט וואס וועט בקרוב באשטעטיגט ווערן, און א דערמאנונג פאר אלע וועלכע פארן אויף די שאסייען, און באזונדערס אריבער די קאנסטרוקציע געגנטער — פארט שטייטער און זייט וואכזאם איבער אונזערע שווער-ארבעטנדע קאנסטרוקציע ארבייטער וועלכע מאכן אונזערע שאסייען בעסער."

__הויפטשטאט ראיאן פראיעקטן__

צוויי פראיעקטן וועלכע זענען אונטערוועגנס אין דעם הויפטשטאט ראיאן דעקנדיג 77 מייל פון לעינס פון די טרו-וועי באקומען א 34.7 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין דעם ראיאן. די טרו-וועי אויטאריטעט האט אינוועסטירט 162 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן אין דעם הויפטשטאט ראיאן זינט 2024.

**I-90 אין אלבאני קאונטי**

א 15.8 מיליאן דאלארדיגער אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף די I-90 צווישן מייל שילד 148.2 און מייל שילד 154.3 אין אלבאני קאונטי איז אונטערוועגנס. דער פראיעקט רעכנט אריין די איבערפלאסטערונג פון א סך הכל פון 36.6 מיילן פון לעינס אויף די I-90, אויף א שטרעקע צווישן עקזיט 24 (Albany - Montreal - I-90 East - I-87 North) און בלויז מערב פון עקזיט 25 ( Schenectady - I-890 - NY Route 7 & 146). אומגעפער 125,000 דרייווערס פארן אריבער די טייל פון די I-90 איןביידע ריכטונגען יעדן טאג, און עס איז איינס פון די פארנומענסטע שאסייען דורך טעגליכע דרייווער פארנדיג אריין און ארויס פון אלבאני.

דער פראיעקט רעכנט אריין פאררעכטונגען צו די גאנצע אדער טייל פון די אויספלאסטערונג טיפקייט, וואו מאנשאפטן וועלן אוועקנעמען און ערזעצן די מערסט-צופאלענע טיילן פון די שאסיי אריין ביז די טיפסטע שיכט. די פאררעכטונגען וועלן פאבעסערן די עקזיסטירנדע שאסיי'ס סטרוקטורישע פעסטקייט.

נאך ארבעט רעכנט אריין די ערזעצונג פון די סטרוקטורן וואס האלטן די שילדן העכער די שאסיי, אפקראצן און איבערגיסן פעך ביי די Guilderland Service Area גאז סערוויס עיריע, אינסטאלירן נייע גייד רעיל צוימען, נייע צוריקשיינענדע שטרייפן, אינסטאלירן אריינגעקראצטע ליניעס אויף די שאָלדערס וואס לאזן ארויס א גערויש ווען א רעדל פארט ארויף דערויף ( milled-in audible roadway delineator, MIARD), אויך גערופן 'ראַמבל סטריפּס', און אזוי אויך וואסער אפלויף פארבעסערונגען.

Callanan Industries, Inc. פון אלבאני, ניו יארק, איז די פראיעקט קאנטראקטאר נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין הערבסט פון 2026.

**I-87 אין אָלסטער קאונטי**
אַ 18.9 מיליאן דאלארדיגער אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף די I-87 צווישן מייל שילד 76.5 און מייל שילד 86.6 אין אָלסטער קאונטי איז אונטערוועגנס. דער פראיעקט רעכנט אריין די אויספלאסטערונג פון א סך הכל פון 40.4 מיילן פון לעינס אויף די I-87, אויף א שטרעקע צווישן עקזיט 18 (New Paltz - Poughkeepsie - NY Route 299) און עקזיט 19 ( Kingston - NY Route 28 – Kingston-Rhinecliff Bridge). אומגעפער 42,000 דרייווערס פארן אריבער די טייל פון די I-87 אין ביידע ריכטונגען יעדן טאג.

דער פראיעקט רעכנט אריין פאררעכטונגען צו די גאנצע אדער טייל פון די אויספלאסטערונג טיפקייט, אפקראצן און איבערגיסן פעך, ערזעצן די בריק 'דזשוינטס' ביי מייל שילד 84.14 און מייל שילד 84.54, ערזעצן די עקזיט 18 אינטערטשעינדזש שילד, אינסטאלירן נייע גייד רעיל צוימען, נייע צוריקשיינענדע שטרייפן, אינסטאלירן אריינגעקראצטע ליניעס אויף די שאָלדערס וואס לאזן ארויס א גערויש ווען א רעדל פארט ארויף דערויף און ארבעט אויף וואסער טונעלן.

Callanan Industries, Inc. פון אלבאני, ניו יארק, איז די פראיעקט קאנטראקטאר נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין הערבסט פון 2026.

**<u>צענטראל ניו יארק און פינגער לעיקס פראיעקטן</u>**
צוויי פראיעקטן דעקנדיג מער פון 106 מיילן פון לעינס פון די טרו-וועי זענען אונטערוועגנס אין די צענטראל ניו יארק און פינגער לעיקס ראיאנען און באקומען א 43.2 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די ראיאנען. זינט 2024, האט די טרו-וועי אויטאריטעט אינוועסטירט 207 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן אין צענטראל ניו יארק און אין די פינגער לעיקס.

**I-90 אין מעדיסאן קאונטי**
א 13.3 מיליאן דאלארדיגער אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף די I-90 צווישן מייל שילד 261.7 און מייל שילד 268.0 האט זיך אנגעהויבן דעם פרילינג. די טייל געפונט זיך צווישן עקזיט 34 (Canastota - Oneida - Chittenango - NY Route 13) און עקזיט A34 ( - Syracuse Chittenango - Oswego - I-481) און רעכנט אריין א סך הכל פון 28 מיילן פון לעינס. מער פון 39,000 דרייווערס פארן אריבער די טייל פון די I-90 יעדן טאג.

דער פראיעקט רעכנט אריין פאררעכטונגען צו די גאנצע אדער טייל פון די אויספלאסטערונג טיפקייט און אפקראצן און איבערגיסן פעך, אריינרעכענענדיג ביי די Chittenango Service Area גאז סערוויס עיריע. פולע-טיפקייט אויספלאסטערונג פאררעכטונגען רעכענען אריין דאס אוועקנעמען און ערזעצן די מערסט-צופאלענע טיילן פון די שאסיי אריין ביז די טיפסטע שיכט. אומגעפער 80 פראצענט פון די טרו-וועי'ס אונטערשטע שיכט פון בעטאן קומט נאך פון די 1950'ער און איז די אריגינעלע בעטאן פון ווען די טרו-וועי סיסטעם איז צום ערשט געבויט געווארן. די פאררעכטונגען וועלן פאבעסערן די עקזיסטירנדע שאסיי'ס סטרוקטורישע פעסטקייט און בארייכערן די לאנג-טערמיניגע דויערהאפטיגקייט.

אין צוגאב, וועט די הייער אונטער אָווערפּעס בריקן געהעכערט ווערן ביי אָווערפעסעס וואס געפונען זיך ביי מייל שילדן 263.03, 265.99 און 267.89. די עקזיסטירנדע שיכט פון פעך אויף די I-90 אונטער די אָווערפעסעס וועלן אוועקגענומען און ערזעצט ווערן מיט א דינערע שיכט, העכערנדיג די הייער אונטער די אָווערפעסעס.

זיכערהייט פארשטערקערונגען רעכענען אריין נייע גייד רעיל צוימען, נייע צוריקשיינענדע שטרייפן, אינסטאלירן אריינגעקראצטע ליניעס אויף די שאָלדערס וואס לאזן ארויס א גערויש ווען א רעדל פארט ארויף דערויף, ארבעט אויף וואסער טונעלן און וואסער אפלויף פארבעסערונגען.

Heidelberg Materials Northeast, LLC פון דזשעימסוויל, ניו יארק, איז דער פראיעקט קאנטראקטאר נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין הערבסט פון 2026.

**I-90 אין אָנטאַריאו קאונטי**
א 29.9 מיליאן דאלארדיגער אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף די I-90 צווישן מייל שילד 327.5 און מייל שילד 347.1 אין אָנטאַריאו קאונטי האט זיך אנגעהויבן דעם פרילינג. די טייל געפונט זיך צווישן עקזיט 42 (Geneva - Lyons - NY Route 14) און עקזיט 44 (Canandaigua - Victor - NY Route 332) און רעכנט אריין א סך הכל פון 78.4 מיילן פון לעינס. מער פון 87,000 דרייווערס פארן אריבער די טייל פון די I-90 יעדן טאג.

דער פראיעקט רעכנט אריין פעך פאררעכטונגען, אפקראצן און איבערגיסן פעך און זיכערהייט פארשטערקערונגען ווי נייע גייד רעיל צוימען, נייע צוריקשיינענדע שטרייפן און אינסטאלירן אריינגעקראצטע ליניעס אויף די שאָלדערס וואס לאזן ארויס א גערויש ווען א רעדל פארט ארויף דערויף.

Rifenburg Construction, Inc פון טראָי, ניו יארק, איז די פראיעקט קאנטראקטאר נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין זומער פון 2027.

דרייווערס וועלן זיך מעגליך אנטרעפן אין פארשלאסענע לעינס אויף די טרו-וועי אין די געגנטער דורכאויס קאנסטרוקציע.

אלע ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און די סקעדזשולס קענען זיך טוישן. דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין וואכזאם און אויספאלגן די ארבעט זאנע ספיד לימיט שילדן. קנסות ווערן געטאפלט פארן ספידען אין אן ארבעט זאנע. דרייווערס זאלן זיין וואכזאם איבער א העכערונג אין די צאל פוינטס פאר פארלעצונגען פון ספידען אין א קאנסטרוקציע זאנע.

כדי צו נאך מער פארמערן די זיכערהייט פון ארבייטער אין אן ארבעט זאנע, האט גאווערנער Hochul (האקול) אונטערגעשריבן א געזעץ אוועקשטעלנדיג דעם אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג (Automated Work Zone Speed Enforcement) פראבע פראגראם. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם איז אין קראפט אין פארשידענע אקטיווע קאנסטרוקציע זאנעס אויף די טרו-וועי. ארבעט זאנעס מיט אינפארסירונג דורך קאמעראס וואס כאפן אויף די שנעלקייט פון קארן וועלן האבן קלארע שילדן בעפאר די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קען געפונען ווערן דא.

די טרו-וועי אויטאריטעט'ס באשטעטיגטע 2026 בודזשעט טוט אויך אינוועסטירן א סך הכל פון מער ווי 600 מיליאן דאלער אין פאנדינג געאייגנט פאר קאפיטאל פראיעקטן צו ווערן געשאנקען אין 2026, א העכערונג פון איבער 133.5 מיליאן דאלאר אין פארגלייך צו די ערווארטעט 2025 סך הכל, און איינס פון די גרעסטע איינצעלנע-יאר אינוועסטירונג אין טראוועי היסטאריע. די 2026 בודזשעט רעכנט אריין א היסטארישע 2.8 ביליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע פלאן פאר 2026-30. די פינף-יאריגע פלאן וועט פינאנצירן די ערזעצונג אדער אפהיטונג פון 150 פון די טרו-וועי'ס 819 בריקן – אומגעפער 18

פראצענט – און די איבערפלאסטערונג פון מער פון 1,500 פון אירע 2,800 מיילן פון הייוועי לעינס, אדער אומגעפער 60 פראצענט.

**איבער די טרו-וועי סיסטעם**
געבויט אין די פריע 1950'ער יארן, איז די Governor Thomas E. Dewey Thruway איינס פון די עלטסטע באשטאנדטיילן פון די נאציאנאלע אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם און איינס פון די לענגסטע טאל שאסייען אין דאס לאנד. עס שטעלט אוועק א מוסטער פאר מאדערנע הייוועי אויסשטעל דעזיין מיט זיכערע שאסיי אייגנשאפטן, אריינרעכענענדיג זיך דרייען צוביסלעך גלאטערהייט, ברייטע שטח צווישן ריכטונגען פון טראפיק און אומפארשטעלטע ווייטקייט פאר דרייווערס צו זעהן קלאר.

יאר נאך יאר, ווערט די טרו-וועי אנערקענט אלס איינס פון די זיכערסטע הייוועיס אין דאס לאנד. אין 2024, אזי די פאטאליטעטן ראטע אריבער די טרו-וועי געווען 0.22 פאטאליטעטן פער 100 מיליאן וויהיקל-מיילן געפארן, איינס פון די נידריגסטע רעקארדירטע ראטעס אויף די טרו-וועי סיסטעם זינט פאטאליטעט ראטעס ווערן דאקומענטירט אין 1954. די ציפער איז באדייטנד נידעריגער פון די נאציאנאלע טראפיק פאטאליטעט ראטע פאר 2024 פון 1.20 און די לעצטע ניו יארק סטעיט טראפיק פאטאליטעט ראטע פון 2023 פון 0.93.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן